**זעקת החינוך** (גליון שלא)

Tel. 020-3514-6632

**הגליון טעון גניזה**

עכ"ז גיבן מיר אכטונג נישט צו שרייבן קיין פסוקים במילואם

# איבערטייטש פונעם **קול קורא** מגדולי הרבנים פון ענגלאנד

בס"ד                                                    יום כ"ח למטמונים תשפ"ו לפ"ק

מיט א טיפן ווייטאג האבן מיר באקומען די ביטערע בשורה אז די רעגירונג דא אין ענגלאנד האט - נעכטן, י"ב אייר – גע'חתמ'עט די שרעקליכע גזירה וואס ווערט גערופן די 'סקולס ביל'. וואס איז א גזירה פון **העברה על הדת** קעגן דעם חינוך פון אונזערע קינדער, און קעגן דעם גאנצן קיום פון אונזערע הייליגע ישיבות און מוסדות התורה בטהרתם דא אין לאנד. און **דאס איז א גזירה צו באצווינגען די עלטערן און בא'גנב'ענען זייערע רעכטן מחנך צו זיין זייערע קינדער לויט אונזער הייליגע תורה און אמונה.**

**דעריבער טוהען מיר מפרסם זיין דעם**

## דעת תורה

אז די דאזיגע גזירה פון דעם 'סקולס ביל' ענטהאלט חלקים וואס זענען קעגן אונזער הייליגע תורה און אונזער הייליגע אמונה; ממילא איז דאס א גזירה פון **העברה על הדת.**

**און מיר מוזן זיין גרייט אויף אלעס, אפילו אויף מסירות נפש, פונקט ווי אין אלע דורות ווען מ'האט ארויסגעגעבן גזירות קעגן די תורה און אמונה.**

**און נאר א דאנק די אידן וואס האבן נישט געמאכט קיין שום פשרות אין די צייטן פון נסיון, איז געבליבן א כלל ישראל ביזן היינטיגן טאג.**

מיר קומען דא ארויס מיט א דרינגענדן רוף צו אונזערע יודישע ברידער: **אונזערע הייליגע עלטערן און רבי'ס פון די פריערדיגע דורות האבן זיך מוסר נפש געווען און אוועקגעגעבן זייער לעבן על קידוש השם. זיי האבן מיטגעמאכט ביטערע גירושים און שווערע עונשים, און זענען געגאנגען אין פייער כדי אפצוהיטן די הייליגע אמונה!**

מיר האבן פרובירט אלע וועגן און מעגליכקייטן אז אונזער ווי-געשריי זאל געהערט ווערן ביי די רעגירונג, אבער ליידער צו אונזער גרויסן ווייטאג מאכן זיי זיך נישט וויסענדיג און פארמאכן די אויערן צו אונזערע געבעטן.

יעצט האבן מיר דערגרייכט א שווערע צייט פון נסיון, ווען די רעגירונג מישט זיך אריין מיט גזירות ארויפצוצווינגען נייע שינויים אויף אונזערע ישיבות הק' און מוסדות התורה. זייער גאנצע כוונה און ציל איז אז אונזערע קינדער זאלן לערנען גוי'אישע לימודים, אפיקורסות און תועבה, זאכן וואס זענען קעגן אונזער הייליגע תורה און אמונה. זיי סטראשען מיט 'שטראפן' פאר ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן צו זייערע געזעצן.

יעצט איז די צייט זיך אוועקצושטעלן פעסט און ווייטער ממשיך זיין דעם וועג פון אונזערע הייליגע אבות דורכאויס די דורות:

## אויסצושרייען מיט א הויעך קול:

# שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד!

און אין דעם זכות וואס מיר וועלן שטיין פעסט קעגן די דאזיגע **גזירות על הדת**, וועלן מיר זיכער זוכה זיין ממשיך צו זיין די הייליגע קייט וואס ציט זיך נאך פון אברהם אבינו ע"ה ביז די לעצטע דורות, **וגזירה עבידי דבטלי**, עס איז זיכער אז אזא גזירה וועט צום סוף בטל ווערן, און מיר וועלן נאך זוכה זיין צו הערן גוטע בשורות אז די גזירות זענען בטל געווארן, און דער אויבערשטער וועט איבערדרייען דאס הארץ פון די רעגירונג צו טון בלויז גוטס פאר אונז. און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בקרוב ממש.

**אויף דעם האבן גע'חתמ'ט 23 גדולי הרבנים פון לאנדאן און מאנטשעסטער.**

* * *

## דרשת הגה"צ ר׳ אשר מרדכי רובין שליט"א

ר"י עסק התורה בעיר וויליאמסבורג

אויפן **׳למענך׳** טעל-ליין (פאר פרויען) 0333-032-7099 (אין אמעריקע 718-362-8867 / 845-241-8877)

ביום י"ג אייר תשפ"ו לפ"ק

טייערע אידישע קינדערלעך, און בפרט די נשים צדקניות. און נאך מער זענען אונזערע ווערטער געווואנדן צו אונזערע טייערע ברידער און שוועסטער פון אייראפע, פון **לאנדאן**, וואס ליידער ליידער הערט מען א שמועה לא טובה אז די ביטערע גזירת החינוך איז נעבעך באשטעטיגט געווארן, און ס'האט באקומען די חתימה פונעם קעניג, וואס מיינט אן אמת'ע אמת'ע ביטערע ביטערע גזירה.

אבער מיר דארפן גוט געדענקען, איינע פון די שטערקסטע זאכן איז, אז מ'זאל האלטן פאר די אויגן **אז ס'זאל זיין ביי אונז ווי א גזירה!** ס'טייטש, אז מ'זאל זיך נישט צוגעוואוינען צו דעם און זיך באקוועם מאכן אזוי און משלים זיין מיטן מצב ח"ו.

ס'איז באקאנט די ווערטער פון הייליגן **חידושי הרי"ם**, אז דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידישע קינדער פון מצרים, שטייט אין פסוק **מתחת "סבלות" מצרים**, דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון אונטער די **סבלות מצרים**, פון דעם אז זיי זענען געווען אונטער א שווערע לאסט פון די מצריים. טייטשט דער הייליגער חידושי הרי"ם, "סבלות" איז אויך א לשון פון "סובל זיין", פון דערליידן, דערהייבן. דער אויבערשטער האט געזען אז אויב מ'הייבט שוין אן סובל צו זיין די מצריים, מ'דערליידט זיי שוין, און ס'איז שוין נישטא די שנאה און די הבדלה, די אפשיידונג צווישן אידישע קינדער מיט די מצריים, וואס אין די ערשטע צייטן איז געווען א שטארקע שנאה און א ווידערשטאנד און מ'האט זיך נישט פארטראגן מיט זיי. אבער יעצט האט דער אויבערשטער געזען אז מ'הייבט אן צו ווערן היימיש, ווי ס'שטייט אין מדרש אז מ'האט אנגעפילט די טעאטערס און נאך אזעלכע פלעצער, האט דער אויבערשטער געזאגט, אויב אזוי, איז שוין קריטיש וויכטיג אז מ'זאל זיי

אויסלייזן.

איינע פון די שטערקסטע און וויכטיגסטע זאכן וואס דער רבונו של עולם וויל פון אונז איז, אז **מיר זאלן פילן אז ס׳איז א צרה! פילן אז ס׳איז א גזירה!** און נישט משלים זיין און נישט גיין ווי א בת היענה מיט די אויגן אין זאמד, זיך נישט מאכנדיג צו טון פון דעם. דאס איז א וויכטיגע זאך.

צדיקים האבן געזאגט, ס׳שטייט ביי חנוכה, **ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם,** דער אויבערשטער איז ביי-געשטאנען און געראטעוועט אידישע קינדער בעת צרתם, אין די צייט פון די צרה. פרעגט מען, וואס הייסט "בעת צרתם"? וואס איז די חידוש? אוודאי, ווען ס׳איז געווען א צייט פון א צרה האט ער אונז געהאלפן. וואס דארף מען דאס באווארענען, "בעת צרתם"? נאר וואס דען, אז **די ישועה איז געקומען דורך דעם, ווייל ביי אידן זענען די גזירות געווען א צרה!** איינער וואס איז ביי אים נישט קיין **צרה,** זאגט דער אויבערשטער, "ס׳איז דיר גוט אזוי? שוין, איז גוט אזוי." – אבער אז מען זאגט, רבוש"ע ניין, ס׳איז אונז א **צרה,** ס׳טוט אונז מורא׳דיג וויי אז די טמא׳נע טריפה׳נע גוים קריכן נעבעך אריין אין די קישקעס, קריכן אריין אין די נקודה הפנימיות פון אידישע קינדער, זיי ווייסן אז די שטאלץ פון כלל ישראל, די גרויסקייט פון כלל ישראל, זענען די תינוקות של בית רבן, די **הבל פיהם שאין בהם חטא** פון אונזערע הייליגע קינדערלעך, זיי זענען דער עתיד פון כלל ישראל, און דארט פרובירן זיי אונטערצוליגן פיסלעך.

ליידער ליידער האבן זיי אזויפיל מצליח געווען, ווייל זיי האבן די מיטארבעט פון מענטשן פון אלע סארט קרייזן נעבעך נעבעך נעבעך. און דאס איז די שטארקע און די ביטערע רחמנות ביי אונזער מצב דא.

אבער ערליכע יודן שטייען און שרייען צום רבונו של עולם, **ניין, ס׳איז בעת צרתם, ס׳איז ביי אונז א מורא׳דיגע צרה!** ס׳איז ערגער פון אלעם! ס׳איז א שרעקליכע ביטערע זאך. מ׳וויל דאך פון אונז מאכן חס ושלום מינים און אפיקורסים.

דער הייליגער **רמב"ם** זאגט אין הלכות תפילה אז די הייליגע אנשי כנסת הגדולה האבן צוגעלייגט צו די שמונה עשרה די ברכה פון **ברכת המינים.** פארוואס? ווייל די אנשי כנסת הגדולה האבן געזען אז **איבוד המינים,** דאס אז די מינים זאלן פארלוירן ווערן פון די וועלט, איז **גדול וחשוב מכל צרכי בני אדם.**

דער הייליגער **רמב"ם,** ווייסט מען, יעדעס ווארט וואס דער רמב"ם זאגט איז א **תורה שלימה,** אלע פוסקים מוטשענען זיך אויף יעדע ווארט וואס דער רמב"ם זאגט, מען בויעט אויף דעם גאנצע בנינים. און דער הייליגער רמב"ם זאגט דא קלארע ווערטער "אז דאס אז די מינים זאלן אויסגעריסן ווערן פון די וועלט איז וויכטיגער ווי אלע געברויכן וואס א מענטש קען זיך פארשטעלן", געזונט, פרנסה, נחת, שידוכים, אלעס אלעס, ברוחניות אפילו, גארנישט קומט נישט צו, צו די נויטיגקייט און די וויכטיגקייט אז מינות זאל אויסגעריסן ווערן פון די וועלט, וואס דאס ברענגט נעבעך אזא מין חרון אף, און אזא מין ווייטאג און איז מונע די גוטע השפעות פון די וועלט. ווי וויכטיג ס׳איז!

טייערע אידישע פרויען, קודם פון איין זייט דארף מען זיין שטאלץ פון דעם אז מ׳זעט אז די אומות העולם צילן זייערע פיילן קעגן אונזערע קינדערלעך. דאס מיינט, אז זיי ווייסן אז דא ליגט די גליק און די עתיד, די גליק פון כלל ישראל, דער קשר וואס בינדט אונז צו צום רבונו של עולם.

און דאס אליינס דארף אונז ווייזן, אז ב"ה אז דער גוי האט אונז נאך פיינט, - ווי די ספרים הקדושים טייטשן, אז יעקב אבינו האט געזען אז לבן לויפט אים נאך, האט ער געזאגט, **מה פשעי מה חטאתי,** וואס האב איך געזינדיגט **כי דלקת אחרי,** אז דו לויפסט מיר נאך? דו ווילסט זיין גוט מיט מיר - אוי ווי, דאס מיינט אז עס טויג עפעס נישט מיט מיר.

אז דו לויפסט מיר נישט נאך, פארקערט, דו פייניגסט מיך, דו רודפ'סט מיך, דאס איז א סימן, אז דו זעסט אז איך בין נישט איינס מיט דיר. דאס אליין דארף ברענגען א געוואלדיגע שמחה און א שטאלץ!

און מ'דארף ווייטער זיין קאמפס-גרייט, און וויסן ארויסצונעמען און מברר זיין די הלכות פון **הלכות מסירות נפש!** און אז ס'וועט אויספעלן דארף מען נעמען דעם וואנדער-שטעקן, אבער עכ"פ מ'דארף גיין מיטן גאנצן שטארקייט, מאכן זיכער אז **דאס בלייבט אזוי ביי אונז אין די אויגן א צרה און א פראבלעם,** נישט מ'זאל מיט דעם משלים זיין און זיך מאכן באקוועם אזוי, נאר בעטן דעם רבונו של עולם, איינרייסן ווענטן.

טייערע אידישע מאמעס - אויף אייך ליגט די פליכט ביים ליכט בענטשן אין די אלע זמנים, איינצורייסן און בעטן, רבונו של עולם, שיין אריין אין די הערצער פון אידישע קינדער, און אויך אפילו ס'קוקט אויס שלא כדרך הטבע, געב אריין א **נשיאת חן,** ווילאנג ס'איז נאך באשערט אז מיר זאלן זיין אין גלות, אז די אומות העולם זאלן נישט גוזר זיין אויף אונז די ביטערע גזירות, זיי זאלן עס מבטל זיין, **בטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות, ותטה לב המלכות ושריו ויועציו עלינו לטובה,** - ביי ליכט בענטשן און ביי די אלע אנדערע זמנים זאל מען בעטן און איינרייסן.

יעצט קומט דאך טאקע **ל"ג בעומר,** וואס דער הייליגער תנא אלקי **רבי שמעון בר יוחאי** האט אסאך אסאך איינגעריסן אויף דעם ענין, ער האט אויסגעריסן די כוחות הטומאה, ער האט זיך געשלאגן מיט זיי. און דאס איז איינע פון די זאכן וואס מ'ברענגט ארויס בשבחו ביים זמר **בר יוחאי, נאזרת בגבורה, ובמלחמת אש דת השערה, וחרב הוצאת מתערה, שלפת נגד צורריך,** אונז זענען אין גלות, מיר קענען זיך נישט שלאגן מיט די אומות העולם, אבער ארויסנעמען דעם געוועהר פון זיך באשיצן, זיך באשיצן מיט א זעלבסט-זיכערקייט, מיט א שטארקייט, מיר זענען דא זיך אנצונעמען פאר די תורה ומצוות מיט א געוואלדיגע געוואלדיגע מסירות נפש.

און די עיקר ליגט טאקע די פליכט אויף די אידישע מאמעס, די **נשים צדקניות,** ווי שלמה המלך זאגט **שמע בני מוסר אביך,** דער טאטע זאגט טאקע די מוסר, אבער דער **ואל תטוש,** דער נישט נאכלאזן, דאס איז **תורת אמך,** די מאמע ברענגט אריין די שטייפקייט, די שטארקייט, די **גאוה דקדושה,** די **עקשנות,** אז מ'זאל זיך האלטן פעסט און שטארק, אז מ'זאל זיין אן עקשן ווען עס קומט צו עבודת השם. **"צריך להיות עקשן גדול בעבודת השם"** שטייט אין ספרים הקדושים, מען דארף זיין א געוואלדיגער עקשן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז אידישע קינדער זאלן זיך האלטן פעסט. ס'וועט שוין נישט נעמען לאנג, אט אט משיח צדקינו קומט שוין, **הנה זה עומד אחר כתלנו.**

אוי, ווי דער אויבערשטער שעצט די אידן וואס האבן זיך געדראפעט און געהאלטן מיט א געוואלדיגע שטארקייט אין די לעצטע רגעים פונעם גלות, איז זיכער זיכער אז דער אויבערשטער וועט העלפן.

בזכות דעם תנא אלקי **רבי שמעון בר יוחאי,** און די אלע הייליגע צדיקים, זאל מען זוכה זיין צו קענען זיך צוגרייטן צו **קבלת התורה** ווי ס'דארף צו זיין, און שטיין מיט א געוואלדיגע שטארקייט, **סור מרע ועשה טוב,** פריילעכע, צופרידענע, גליקליכע, שטאלצע, ערליכע, געהויבענע אידישע קינדערלעך, מיט אלע מעלות. דער אויבערשטער זאל געבן אלע צוגעהערן וואס מיר דארפן האבן, אזוי ווי ביי קבלת התורה. די געזונטע זאלן בלייבן געזונט, די קראנקע זאלן האבן א רפואה שלימה, און אלע וואס דארפן שידוכים, און אלע וואס דארפן געהאלפן ווערן מיט קינדערלעך, מיט פרנסה, אלעס אלעס זאל דער אויבערשטער באשערן פון אלעם גוטן ביז מען וועט זוכה זיין צום **ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות במהרה בימינו אמן.**